# JEWISH DAILY FORWARD

World's Largest Jewish Daily

175 EAST BROADWAY

NEW YORK


יאנואר 4טער, 1934

ווערטער קאלעגע און גענאסע:-

היינט ווערט איך ארויסגעשיקט אן עקסטרא טשעק, גאנץ אפגעזונדערט פון אייער וועכענטליכען געהאלט. דאס איז די סומע, וואס איז אראפגענומען געווארען פון אייער געהאלט פאר דעם יאהר 1933. איצט באקומט איהר דאס צוריק.

ווי איהר געדענקט האט מען די פארקלענערונגען אין די געהאלטען פון די מיטארבייטער און אנגעשטעלטע פון "פארווערטס" געמאכט מיט א יאהר צוריק, צוליב די שלעכטע געשעפטען. דערביי איז אבער ערקלערט געווארען אז אויב די געשעפטען וועלען זיך פארבעסערען און דער "פארווערטס" וועט זיין אימשטאנד, וועלען דיזע אראפגענומענע סומען פון דעם וועכענטליכען געהאלט אומגעקעהרט ווערען.

עס איז אנגענעם איך מיטצוטיילען, אז איצט איז דער "פארווערטס" דאס אימשטאנד צו טאן. דערמיט ערקלערט זיך די ספעציעלע סומע, וואס ווערט איך איצט ארויסגעשיקט.

ליידער האבען זיך ווידער געמאכט אומשטענדען, וועלכע פאראורזאכען א ריזיגע פארגעסערונג אין די אויסגאבען, הויפטזעכליך צוליב דעם פלוצלינג געשטיגענעם פרייז אויף דרוק פאפיר. צוליב דיזער אורזאכע וועלען וועלען די געהאלטען אין יאהר 1934 זיין די זעלבע ווי זיי זיינען געווען אין 1933, מיט דער זעלבער פארקלענערונג.

מיט גרוס,

אייער

אב. קאהאן

אק/יפ



THE GATEWAY TO THE JEWISH MARKET

פאַריז 27 יאַנואַר 1934

Vorw

ליעבער גענאָסע קאַהאַן!

אייער צירקוליאַר וועגען די צוריקצאַהלונג פון די געשניטענע ווידזשעס פאַרן
יאָהר 1933 באַקומען און געלעזען, ווי איהר פאַרשטייט אַליין, מיט זעהר אַנ-
אַנגענעהמען געפיהל. דאָס איז אַ גרויסע אונטערשטיצונג פאַר מיר און זיכער
אויך פאַר אַלע אַנדערע קאָלעגען אין אייראָפּאַ. איך דאַנק אייך פאַר די מיה, וואָס
דער באַשלוס האָט אייך געוויס געקאָסט.

ליידער אָבער איז דערמיט נאָך ניט געלייזט די הויפּט-פראַגע, וואָס באַשעפטיגט
אַלע אייראָפּעישע מיטאַרבייטער, ד.ה. די פראַגע פון אינפלאַציע. די דאָזיקע
פראַגע איז אַזוי דרינגענד, אַז זי האָט אונז געצוואונגען זיך קאָלעקטיוו צו
ווענדען צו דער אַסאָסיעישאָן, וואָרום מיר פאַרשטייען, אַז צווישען אייך, אַלס
אונזער שעף, וואָס פאַרטיידיקט קאָלעגיאַל אונזערע אינטערעסען, און די ביז-
נעס-מענשען פון דער אַסס., וואָס באַטראַכטען דעם ענין מעחה פון געשעפטליכען
שטאַנדפּונקט, מוז זיך פיהרען אַ קאַמף. מיר אַלע האָפען, אַז אייך , אַלס אונזער
מליץ-יושר, וועט זיך איינגעבען ביי׳צו׳קומען דעם ווידערשטאַנד פון די צו שטאַרע
פּראַקטיקער און געפינען אַ מאָדוס , וואָס זאָל טאַכען ערטרעגליך אונזער לאַגע.

פּאָליטיש איז די לאַגע דאָ אויך ניט פרייליך. איך באַציה זיך זעהר סקעפּטיש צו
דעם געפילדער וועגען פאַשיזם אין די לענדער פון מערב-אייראָפּאַ, אָבער אפילו
די ניט-פאַשיסטישע פּערספּעקטיוועס זיינען ניט זעהר פרייליך.אין דייטשלאַנד זעהט
זיך ניט קיין שום בעסערונג, פאַרקעהרט, דער רעזשים פאַרשטאַרקט זיך. אין
פראַנקרייך ברענגען די אינטריגעס פון די פאַרטייען צו אַלץ גרעסערע קאָמפּלי-
קאַציעס אין דער פּאָליטיק, דוקא אין אַ צייט, ווען פראַנקרייך מוז זיין שטאַרק,
כדי צו געבען אַ געהעריגען ווידערשטאַנד די חוצפהדיקע פאָדערונגען פון היטלער
(זעהר ניט קיין שעהנע ראָלע שפּילען דערביי די נעאָ-סאָציאַליסטען, צווישען וועל-
כע עס שפּילען די הויפּט-ראָלע קאַריעריסטען, וואָס העלפען מיט אַראָפּוואַרפען
די געגירונג שטאַן, אום אַליין צו ווערען מיניסטאָרען אין דער נייער רעגירונג.
אַ רחמנות אויף דעם אַלטען רענאָדעל, אַ ריינעם מענשען, וואָס איז איצט אַריינגע-
פאַלען אין אַזאַ קומפּאַניע, און דערצו נאָך שווער קראַנק). עס איז זעהר גוט
וואָס איהר האָט געמאַכט אַ "באַמערקונג" צו דעם צו שטאַרק באַגייסטערטען אַרטיקל
פון איוו. וועגען די נעאָ"ט.אַ רעדאַקציע פון אַזאַ בלאַט ווי דער פאָרוו. דאַרף זיך
האַלטען פאָרזיכטיג אין אייראָפּעישע ענינים און מאָר ניט ווערען "פאַרטייאיש"
געגען אַנ-אָפיציעלער פּאַרטיי פון אינטערנאַציאָנאַל. (די נעאָ"ס וועלן אין דעם
אינטערנאַציאָנאַל קיינמאָל ניט אַריין:ניט זיי ווילען דאָס, ניט דער אינט. וועט זיי
קענען אַריינגעמען, כאָטש געוויסע פּאַרטייען סימפּאַטיזירען זעהר מיט רענאָדעלן).

מיט גענאָסענשאַפטליכע גריסען

# JEWISH DAILY FORWARD

World's Largest Jewish Daily

175 EAST BROADWAY

NEW YORK


פעברואר 2טער, 1934


מר. ר. אבראמאװיטש
131 עװעניו רעיער
פאריז 14 ע


ליבער גענאסע אבראמאװיטש:-

איך האב איבערגעלעזען די צװײ ארטיקלען װאס איהר האט צוגעשיקט אין װעלכע איהר פאנגט װידער אן די דעבאטע װעגען די אורזאכען פארװאס עס איז געפאלען די דײטשע רעפובליק און די גאנצע ארבײטער באװעגונג דארטען. אײער װאונש דיזע לאנג דעבאטירטע און איבער־דעבאטירטע טעמע װידער צו שטעלען אין ״פארװערטס״ האט מיר, דעם אמת זאגענדיג, איבעראשט. ערשטענס, זײנען מיר איצט פארנומען מיט גאנץ אנדערע זאכען: עס האבען זיך אנטװיקעלט בײ אונז זעהר ערנסטע אינערליכע פארטײ שטרײטען און א גאנצע רײהע אנדערע אנגעלעגענהײטען, װעלכע פאדערען פלאץ און אויפמערקזאמקײט. צװײטענס, װען עס װאלט אפילו קײן מאנגעל אין פלאץ ניט געװען װאלט עס אויך געװען זעהר ניט פראקטיש פון א רעדאקציאנעלען שטאנדפונקט דיזע פאלעמיק צו באנײען. איך פערזענליך װאלט גראד געהאט אן אינטערעס צו ענטפערען אויף אײערע צװײ ארטיקלען. איך האב זײ איבערגעלעזען מיט דער טיפסטער אויפמערקזאמקײט. װען איך װאלט זײ געדרוקט װאלטען זײ פארנומען א היבשע ביסעל קאלומס און דאן װאלט זיך אויך געפאדערט א היבש ביסעל קאלומס פאר מיר פון מײן זײט אויף צו ענטפערען אויף א גאנצע רײהע פונקטען אין זײ. (הויפטזעכליך אויף דעם װאס איהר ערקלערט דארטען װעגען קאוטסקי׳ס ארטיקלען. און די גערעכטיגקײט װאלט געפאדערט אז מען זאל עס איבערזעצען פאר קאוטסקי׳ן און מען זאל איהם געבען פלאץ אלײן אײך צו עמטפערען. און אפילו אהן דעם װאלט אויך געװען א מעשה אהן אן סוף). און דאן װאלטען מענשען אודאי געזאגט, אז איך בין עובר בטל אלס רעדאקטאר, װאס איך פארנעם דעם ״פארװערטס״ װידער און װידער מיט דער זעלבער דעבאטע.

עס איז פאראן נאך אן אורזאכע, פונקט אזא װיכטיגע, װעלכע האט אײגענטליך א פריװאטען כאראקטער. איך האב אויבען דא דערמאנט דעם קאמף װאס מיר האבען אינערליך אין דער פארט״. הגם איהר און איך געפינען זיך ניט אבסאלוט אין דעם זעלבען סאציאליסטישען לאגער, דאך װען איך װאלט געװען א דעלעגאט צו דער אינטערנאציאנאלער קאנפערענץ אין פאריז, צום בײשפיל, װאלטען מיר בײדע געשטימט פאר דער זעלבער רעזאלוציע. עס איז



THE GATEWAY TO THE JEWISH MARKET

איבריג צו זאגען, אז איך וואלט אויך געווען צווישען די 291 און נים צווישען די אכצעהן. עס איז מיר אויך איבריג צו זאגען אז אייער באציהונג צו טאמאס'עס הערשאפט דא וואלט געווען אבסאלוט די זעלבע ווי מיינע. נאך אלעמען זיינען מיר ביידע אין פיל מעהרערע זאכען איינפארשטאנען ווי נים איינפארשטאנען.

נו, מיר האבען איצט א גאנץ ערנסטען קאמף. איך ציה אייער אויפמערקזאמקייט צו אן ארטיקעל פון מיר, וועלכער וועט ערשיינען אין "פארווערטס" זונטאג דעם 11טען פעבררואר. דאס וועט אייך געבען א שטיקעל באגריף [illegible] ווייזן זיך, וואס דא טוט זיך. די זא גענאנטע אמעריקאנער ראדיקאלע אינטעליגענץ איז ניינציג פראצענט באלשעוויסטיש געשטימט און פרא-סאוועטיש. אונזערע אידישע גענאסען ווידער, דעם פארבאנד איינגעשלאסען, זיינען ביטער ענטריסטעט געגען דיזער ריכטונג. נו, איינע פון די זאכען וואס דיזע "אכצענער" סאציאליסטען טוען, איז צו באמבארדירען אונזער אינטערנאציאנאל אלס נים רעוואלוציאנער גענוג און אויך דערפאר וואס ער פארדאמט נים גענוג די דייטשע סאציאל דעמאקראטען און [illegible] איז נים גענוג פרא-סאוועטיש.

אונטער אזעלכע אומשטענדען, וואלטען אייערע ארטיקלען אין דעם איצטיגען מאמענט אונז געטאן [illegible] שאדען.

איך האף אז איהר וועט דאס אלעס נעמען אין אמבעטראכט און פארשטעהן וואָרום איך בין נים אימשטאנד די דעבאטע ווידער אנצופאנגען.

צום שלום וויל איך אייך זאגען, אז עס איז מיר זעהר נים אנגענעם נים צו באוויליגען אייער פארלאנג. עס איז מיר אבער אבסאלוט אונמעגליך.

מים די ווארעמסטע גרוסען,

אייער

[signature]

אק/יפ

# JEWISH DAILY FORWARD

World's Largest Jewish Daily

175 EAST BROADWAY

NEW YORK


פעברואר 22טער, 1934

S/G


מר. ר. אבראמאוויטש
131 עוועניו רעיער
פאריז 14 ע


ליבער גענאסע אבראמאוויטש:–

איך האב געהאט א פארקיהלונג און איך בין ביי א צעהן טעג ניט געווען אין רעדאקציע. עטליכע פון די מיטארבייטער פלעגען קומען צו מיר און א טייל פון דער ארבייט האב איך אויך געטאן דורך דעם טעלעפאן, אבער די קארעספאנדענץ איז פארנאכלעסיגט געווארען. דאס וועט אייך ערקלערען פארוואס איך האב פארשפעטיגט צו ענטפערען אויף אייער בריף פון 27טען יאנואר.

וואס אנבעטרעפט דער פראגע וועגען דעם אמעריקאנעם דאלער אין איינראפא און די ווירקונג וואס דאס האט עקאנאמיש אויף אונזערע אייראפעאישע מיטארבייטער פארשטעה איך גאנץ גוט. איך פארשטעה דאס בעסער פון אלע אונזערע גענאסען פון "פארווערטס" ווייל איך בין אקארשט געווען אין איינראפא און איך האב דעם פאלען פון דאלער דורכגעלעבט יעדען טאג ווען איך בין געגאנגען בייטען מיינע ניו יארקער טשעקס אויף פראנקען. אויך בין איך איבערהויפט באקאנט מיט די אומשטענדען אונטער וועלכע עס געפינען זיך אונזערע אייראפעאישע מיטארבייטער. איך האב שוין וועגען דעם ספעציעל גערעדט מיט דעם פארוואלטונגס ראט ניט איין מאל נאר דריי מאל, און צו מיין גרויסען באדויערען מוז איך זאגען, אז די לאגע איז זעהר ניט קיין גינסטיגע.

אום איהר זאלט דאס קענען בעסער פארשטעהן און זיין אימשטאנד דאס אויך צו ערקלערען צו די אנדערע קאלעגען אונזערע מיט וועלכע איהר זעהט זיך, וועל איך אייך דא פרואווען באקאנט מאכען מיט אונזער איצטיגער סיטואציע. (איך שרייב דאס הויפטזעכליך פאר אייך און טיילוויז פאר אנדערע מיטארבייטער. אין אלגעמיין אבער איז דאס קאנפידענציעל).

די צירקולאציע פון "פארווערטס" איז גוט און די אדווערטייזמענטס אפטיילונג איז ביז א געוויסען מאנאט אויך געווען בעסער ווי מען האט ערווארט. אבער צו דער מדרגה, וואס איז געווען פאר דעם קריזיס איז דאס קיין מאל ניט געקומען. אבער די לעצטע מאנאטען איז די אדווערטייזינג אפטיילונג ווידער אראפגעפאלען. פיליכט וועט עס זיך ווידער פארבעסערען. מיט באשטימטקייט קען מען אבער ניט זאגען. דערצו דארף מען



THE GATEWAY TO THE JEWISH MARKET

נאך האבען אין זינען דעם אומגעהײערען שטײגען פון דעם פרײז אויף פאפיר. איך גלויב, אז איך האב שוין דאס אײן מאל דערמאנט פאר אײך. דער "פאר־ווערטס" וועט פאר פאפיר דיזען יאהר דארפען צאהלען מיט פערציג טויזענד דאלער ($40,000) מעהר ווי פריהער. און דאס איז בײ די איצטיגע אומשטענדען אן אומגעהײערע סומע. איך וויל אויך באמערקען אז מיר דא פיהלען דאס פאלען פון דעם דאלער אויך גענוג, הגם נים אזוי שטארק ווי איהר אין אײראפא. רוזוועלט'ס צוועק איז געווען אז די פרײזען זאלען זיך הויבען און זײ האבען זיך טאקע געהויבען, אפילו פאר די נויטווענדיגסטע טעגליכע זאכען צאהלט מען איצט מיט אומגעפעהר דרײסיג פראצענט מעהר ווי פריהער.

ווען די אימיגראציע האלט געווען נים געשטערט וואלט איצט אין אמעריקע געווען א גרויסער שטראם פון אימיגראנטען און די צירקולאציע פון "פארווערטס" וואלט געוואקסען ווי אויף הײווען. אבער דאס, ווי איהר ווײסט, איז נים דער פאל. אימיגראנטען לאזט מען ארײן זעהר, זעהר ווײניג און דער נײער דור לעזט נים קײן אידיש, אבסאלוט נים. די אידישע שולען באוועגונג האט קײן שום באדײטונג נים דערבײ. ערשטענס רעפרעזענטירען זײ בלויז א הײפעלע פון דער באפעלקערונג און צווײטענס לעזען די שילער פון דיזע שולען, ווען זײ וואקסען אויף, אויך קײן אידישע צײטונגען נים. דאס איז א כלל אהן אויסנאמען, קען מען זאגען. אזוי אלזא, אין סך הכל איז די סיטואציע.

דאס איז אבער נאך ווײס נים אלץ. גרויסע צרות האבען מיר דא מיט די אויסגאבען אויף דער רעדאקציע. עטליכע פון די וויכטיגע מיטארבײטער זײנען קראנק, און שוין עטליכע מאנאטען ווי זײ ארבײטען נים. אײנער פון זײ איז דער סיטי עדיטאר, (אן אויסגעצײכענטע קראפט) פלוצלינג איז ער קראנק געווארען. ער וועט צוריקומען, אבער ער וועט דארפען זײן פארזיכטיג מיט זײן געזונט און יעדענפאלס וועט דאס נאך נעמען מאנאטען. און נאך אײנער פון אונזערע מיטארבײטער איז ערנסט קראנק און ער ארבײט שוין אויך נים א היבשע צײט. ער וועט וואַרשײנליך קומען צוריק אין א פאר וואכען אבער ווי לאנג ער וועט קענען ארבײטער נים אונטערבראכען, ווײס מען נים. א דריטער מיטארבײטער, וועלכער איז געווען אײנער פון די צווײ וויכטיגסטע מענשען אין דער טרײד יוניאן אפטײלונג, האט דורכגעמאכט אן ערנסטע אפעראציע. איז א לאנגע צײט געלעגען אין האספיטאל און איצט איז ער ווידער דא, אבער די ארבײט וואס ער האט פריהער געטאן קען ער נים טאן.

פאראן נאך עטליכע אײנצעלהײטען וועלכע באלאנגען צום זעלבען ענין, אבער וועגען זײ וועלען מיר דא נים רעדען. די אונטערשטע שורה איז אז איך און ראגאף ארבײטען שוין לאנג איבער די קרעפטען. איך מוז ארבײטען זעהר פיל אין דער הײם, אלײן שרײבען אדער צופערטיגען מאנוסקריפטען און ראגאף ארבײט צווײ שטונדען מעהר יעדען טאג.

אבער דאס איז נים דער עיקר. דער עיקר באשטעהט אין דעם, אז מיר מוזען אימער נוצען מענשען פון דרויסען. עס קאסט אפּ א שטיק מיט געלד און עס פעהלט אימער אוים מאטעריאל. דער סך הכל איז, אז די אויסגאבען אויף דער רעדאקציע זײנען א סך גרעסער ווי זײ זײנען געווען פריהער, און דער "פארווערטס" איז איצט אבסאלוט נים אימשטאנד דאס אנצוהאלטען אויף אזא ארט. וועגען אזעלכע זאכען קען מיר מיט אײנצעלהײטען פאר דער "פארווערטס" אסאסיאײשאן נים רעדען. דאס מוז באשפראכען ווערען בלויז בײ דעם פארוואלטונגס ראט, וועלכער באשטעהט פון נײן מענשען. און מיט דעם פארוואלטונגס ראט בין איך פאלשטענדיג אײנפארשטאנען אין אלע דיזע ענינים. מען איז געצוואונגען געווען וואס מען רופט צו "מאכען א בודזשעט", דאס הײסט געבען דעם רעדאקטאר א באשטימטע סומע מיט וועלכער ער מוז זיך זעהן ספראווען. די סומע צו וועלכע מיר זײנען געקומען איז צווײ הונדערט טויזענד דאלער א יאהר. אין אמת'ן האבען מיר א סך מעהר אויסגעגעבען ~~א סך מעהר~~ און איך מוז זיך אנשטרענגען מיט אלע קרעפטען אז מעהר זאל עס נים באטרעפען און איך ווײס נים ווי אזוי איך וועל דאס קענען דורכפיהרען. איך לאד אײן די היגע מיטארבײטער אויף קורצע בעראטונגען. איך ערקלער זײ די לאגע, זײ דריקען אוים א בארײטקײט ארויסצוהעלפען און זײ זײנען ווירקליך טרײ און זײ מײנען דאס מיטן גאנצען הארצען, אבער קאנקרעטע רעזולטאטען באקומט מען

דערפון ווייניג. און דא פלוצלינג, צום ביישפיל, מאכט זיך אזא געשיכטע ווי דער רעוואלוציאנערער קאמף אין עסטרייך און איך מוז ארויסשיקען קייבעלס צו לעשצינסקי צו פאהרען פון ווארשע קיין פראג און עס פליהען קייבעלס פון איהם צו מיר און פון מיר צו איהם. ער פאהרט ארום אין פארשידענע פלעצער זיך זעהן מיט אטטא באוער, מיט דויטש'ן און אנדערע גענאסען וואס זיינען אנטלאפען פון עסטרייך און ער שיקט אונז קייבעלס. און מיר ערווארטען נאך קייבעלס און ארטיקלען פון פארשידענע מענשען, און דאס אלץ קאסט אפ אומגעהייערע סומען.

ווען איך וואלט געהאט צייט וואלט איך אייך געגעבען מעהר איינצעלהייטען וועגען דעם עקאנאמישען צושטאנד פון דער רעדאקציע, מיט אנדערע ווערטער פון דער "פארווערטס" אסאסיאיישאן אין באצוג צו רעדאקציאנעלע עקספענסעס. דאס וואס איך האב אבער געזאגט דא וועט זיין גענוג צו ווייזען פארוואס עס איז ניט לייכט צו באקומען א רפואה צו דער עקאנאמישער קראנקהייט, וואס אונזער פארקלענערטער דאלער האט געבראכט אין די קעשענעס פון אונזערע אייראפעאישע מיטארבייטער. דאס וועט אייך אויך ערקלערען ווארום די פארקלענערונגען פון אלע געהאלטען אהן אויסנאם וועלען בלייבען אויך אויפן נעקסטען יאהר. דער פאריגער יאהר האט געגעבען די מעגליכקייט אומצוקעהרען דאס וואס מען האט אראפגענומען מיט א יאהר פריהער, אבער אויך ווייטער בלייבען די געהאלטען אויף דעם פארקלענערטען באזיס.

איך דארף אייך ניט זאגען גענאסע אבראמאוויטש, אז די זאך פארשאפט מיר א סך יסורים און איך קלער וועגען דעם זעהר אפט און איך רעד מיט די גענאסען פון "פארוואלטונגס ראט" ניט נאר אפיציעל נאר אויך אין פריוואט געשפרעכען מיט זיי. אבער פארלויפיג איז די לאגע אונמעגליך צו ענדערען. אויב דער "פארווערטס" וועט נאר זיין אימשטאנד עפעס צו טאן וועל איך ניט פארגעסען קיין איין מינוט און וועל זוכען די פארלאנגטע פארבעסערונג צו באקומען פאר אייך אלעמען.

אין צווייטען העלפט פון אייער בריף רעדט איהר וועגען די נעא-סאציאליסטען און אין אלגעמיין וועגען דער פאליטישער לאגע אין אייראפא, אבער זינט איהר האט ארויסגעשיקט אייער בריף האט פאסירט דיזער וואונדערבארער און הארצרייסענדער טראגישער קאמף אין עסטרייך.

איך האב היינט פון אייך באקומען צוויי ארטיקלען. איינעם וועגען דער מהומה אין פאריז און דעם צווייטען וועגען דעם נייעם פראגראם פון די דייטשע סאציאל דעמאקראטען. דער ארטיקעל וועגען דער פאריזער געשעהעניש וועט זיין געדרוקט אין א פאר טעג ארום. דעם ארטיקעל אבער וועגען דער נייער פראגראם פון די סאציאל דעמאקראטען וועט מוזעןווארטען א ווילע, ווייל איך קען איהם ניט דרוקען אהן אן ערקלערונג פון דער רעדאקציע און אויף דעם האב איך דיזע טעג קיין צייט. יעדענפאלס איז דער גאנצער ענין ניט צייט-מעסיג איצט.

איך וואלט וועלען אייך אויפשרייבען אן אויספירליכען פריוואטען בריף אין באצוג צו די אלע פראגען און איך וועל דאס טאן אזוי שנעל ווי מעגליך.

מיט די ווארעמסטע גרוסען

אייער

אב. [illegible]

אק/יפ

# JEWISH DAILY FORWARD

World's Largest Jewish Daily

175 EAST BROADWAY

NEW YORK

דעם 17טען מארטש 1934

ליבער גענאסע אבראמאוויטש:

איך וויל אייך בעטען א טובה ( שוב איז מעהר אדער וועניגער ערנסט קראנק; געוועהנליך באזארגט ער עס אליין). איך מוז זיך ווענדען צו אייך.

עס איז אויסגעגאנגען אונזער אבאנאמענט אויף די „Последнія Извѣстія" און איך וויל אז מען זאל דאס גלייך באנייען. אלזא, פיליבט וועט איהר זיך באמיהען אדער צושיקען אימיצען אין רעדאקציע און זיי ערקלעהרען אז דאס איז פאר אונזער צייטונג און אז מיר פאר־לאנגען דאס ניט אומזיסט און אז זיי וועלען אונז צושיקען א רעכנונג וועלען מיר זיי שיקען די געלד אין פראנקען.

איך האב טעלעגראפירט/פון „פאפולעיר" ראזענפעלד'ן אז ער זאל מיר טאהן א טובה זיך אבאנירען פאר מיר אויף דעם „פאפולעיר" און זאל זייער קאנטאר מיר צושיקען א רעכנונג און עס וועט גלייך באצאהלט ווערען. איך בין אבער ניט זיכער צי ער געדענקט מיין נאמען ( אין פאריז האבען מיר זיך געזעהן עטליכע מאל און איין אבענד האב איך אין גאנצען פארבראכט מיט איהם). אלזא, טוט מיר א געפעליגקייט, רופט איהם אפ אויפ'ן טעלעפאן און אויב עס איז עפעס א פלאנטער, מאכט איהם קלאר דעם ענין. מיר מוזען דא האבען דעם „פאפולעיר".

דריטענס: איך האב אוועקגעשיקט א דעפעשע אין דעם קאנטאר פון דער LE PEUPLE אז זיי זאלען אונז געבען אן אבאנאמענט אויף א יאהר ( יענע צוויי זיינען אויך אויף א יאהר) און מיר שיקען א רעכנונג און מיר וועלען דאס באצאהלען. איך בין ניט זיכער אז זיי וועלען זיין בארייט צו עפענען דעם אבאנאמענט פאראויס און שיקען א רעכנונג. אלזא פארלאנג איך פון אייך דארט אין קאנטאר שרייבען א בריף און זיי ערקלעהרען ווער דער „קאסטימער" איז – אז מיר זיינען א גרויסע סאציאליסטישע צייטונג, און אזוי און אזוי.

אייער „וויעסטניק" קריגען מיר אין צוויי עקזעמפלארען, איינעם פאר שוב'ן און איינעם פאר מיר. איך האב איהם שוין ניט געזעהן א היבשע צייט. ווען איהר וועט זיין אין קאנטאר מאכט א ספראווקע און לאזט מיר וויסען.

וואס איז אייער מיינונג וועגען אמא פאוערס בראשורע ? אויב איהר ווילט ניט שרייבען פאר'ן „פארווערטס" שרייבט מיר א פאר ווערטער פריוואט.

מיט די בעסטע צו־ווינשונגען, אייער,

